STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01391

MITN PONEM TSU DER ZUN

Isaiah Spiegel

*Permanent preservation of this book was made possible
by Betty & George Levinson
in honor of
their grandchild, Risa Anne Berkower, whom they love and loved dearly*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו שפּיגל

מיטן פּנים צו דער זון

לידער

פאַרלאַג „אלפא"
לאָדזש
1930

Copyright by Verlag „Alfa" Lodz 1930

ליד צו די לייענער

כ׳האָב היינט זיך אויסגעצירט פאַר אייך אין בונטע, פאַרביקע מאַנירן,
איך גיי אַנטהוילן אייך דעם סוד פון דעם, וואָס איז אייך פרעמד;
אָ, זעט! איך בוי אַ וועלט אויף ווייס פאַרשוויגענע פאַפּיר,
און שטיי פאַר אייך ווי אַ יונגער לץ פאַרשעמט, פאַרקלעמט.

כ׳האָב היינט געקעמט מיין קאָפּ מיט ציטערניש פון ווייסע הענט,
געשפּיגלט הונדערט מאָל ס׳געזיכט אין פרילינגדיקע פענסטער;
איך האָב געגרייט זיך היינט אונטערצינדן פלאַקערדיקע ווענט
און וועקן אין אייער ברוסט דעם שפּאָט פון די געשפּענסטער.

איר זענט געקומען זיפן טאָן און קלאנג פון יידישליכע ווערטער,
וואָס כ׳האָב מיט הונגעריקן בלוט אויסגעטריפט פון מיין לייב;
און מיין אָרים יידיש ליד—כאָרן זינגענדיקע הערט איר,
וואָס ברענגען אייך די זיסע בענקשאַפט נאָכ׳ן ווייב.

איך האלט אין האנט אייער בלוטנדיק און מענטשליך הארץ און זעט, ווי כ׳שוין עס,
וואָס כ׳שליידערס נישט פון מיינע הענט צום פנים פון אייער שפּאָט!
איך גיי אַרום בייטאָג, ביינאַכט און נאָר די לייד—די איינציקע מיין לוין איז,
און אויף א גאַס, וו ס׳איז נישטאָ קיין הויז, וויינט אין מיר די בענקעניש צו גאָט.

ווער קאָן דען מיר אַרויסנעמען פון האנט די אָנגעגליטע שפּיז,
וואָס לעכצט נאָכ׳ן ווייַן פון די טמא׳דיקע שוואַרצאַפּלען פון אייערע אויגן?
ווער קאָן דען מיר, דעם איינזאַמען און טרוימענדיקן ריז,
מיין ווילדן צאָרן פאַרכשופן, מיין האַס צו אייך פאַרנויגן?

אָט איז מיין האַנט, מיין צויבערדיקע האנט, וואָס גיט אייך שאַנד
און מאָלט פאַר אייך דאָס רעטעניש פון אייערע מחשבות;
איר טראַכט, אַז ס'איז נאָר ליד, נאָר דיכטונג און געגראַמט,
אז ס'ציט פאַר אייך דער לץ נאָר שנירלעך אויף קאַטאָוועס—

איך שטיי פאַר אייך אָנגעגורט מיט שפּאָט צו אייער לעבן
און שליידער אייך מיין בלוט אין רייד קרישטאָלענע פון שירים!
— קאָן זיין, ס'וועט עמיצער פון אייך פאַרשטיין מיך און פאַרגעבן
און זען וועט ער דאָס אמתדיקע לאַנד, ווו כ'פּיר אים!

נאָר ווײ איז מיר, וואָס כ'שטיי אַצינד פאַר אייך אין מיין מאַכט
און לייג פאַר אייך מיין קאָפּ אויף אַ זילבערדיקער טאַץ;
קאָן זיין, אַז צווישן אייך זיצט עמיצער און לאַכט
און פרייט זיך אין זיין האַרץ, וואָס שרייט צו מיר: פּ א י אַ ץ!

פרייד צו די עלנטע.

כ׳וועל זינגען צו דיר ס׳ליד פון מענטשנס נאקעטער און הוילער פּיין,
פון אָרימע מאַמעס פרייד, פון אָרימע מאַמעס טריב;
פון אויפגייענדיקן טאָג אין ווינקלען פון מיין שטוב,
פון ווייסן סוד, וואָס גאָט שלעפערט אין מיר איין.

כ׳בין איינמאָל דאָ געווען און וועל קיינמאָל מער נישט זיין,
כ׳האָב מיטגעטראָגן אויף די הענט דיין גליווערדיקע רו —
דו האָסט אין גילדענער, אין פלאַמענדיקער שעה
געזען אַוועקגיין מיך, ווי אַן׳עלנטער קאָן גיין.

נאָך מיר איז נאָכגעגאַנגען טריביקייט און לייד
פון מאַמעס, ווען זיי קושן זייערע קראַנקע זין;
פון אָדערן דין-בלאָע, וואָס ווייסן נישט דערפון,
אַז אין זיי טראָגט זיך ס׳ליד פון אויפגייענדיקער פרייד.

כ׳וועל זינגען צו דיר ס׳ליד פון דערלייזט געשריי,
פון אויפגעצוימטער פרייד, וואָס האָט מיך אָנגעגליט;
און זאָלן אַלע עלנטע נאָכגיין מיינע טריט
און מיטזינגען דאָס ליד פון מענטשס דערלייזטן ווײ.

אַ וואָרט.

זענען אויפגעגאַנגען רינגעלעך פון כישוף און פון זילבערדיקן שיין,
און ווייס האָט זיך געצויגט דער טאָג היינט צו מיין מידער שלייף;
ווי ווייס און וואונדערליך עס איז דער שפּראָצנדיקער, מילדער פּיין,
וואָס ווערט ווי זוימען אין דער ערד אין ברוסט מיר שאַרף און רייף.

עס ווערן רייף אין מיר די טעג, ווי ברוינער ברויט אויפן פעלד
און מיין קאָפּ באַהאַנגען מיט דער לאַסט פון גאָלד פון אַ באַרנעבוים —
הענגט שווער איבער מיר און זעט, ווי אונטערטעניק ס'רוט פאַר מיר די וועלט
מיין זעל—פינקלדיקער שיין פון אַ גילדענער, פאַרכשופדיקער קרוין.

היינט זענען אויפגעגאַנגען אין מיין ברוסט רייפע, ברוינע טעג
און רינגעלעך פון ווייסן כשוף און פון זילבערדיקן שיין
ציען אָן מיין שלייף און ווערן וואונדערליך געקרוינט
פון פרייד, וואָס איז נישט וואָרט, פון וואָרט, וואָס איז נישט פּיין.

ביי אַ שוועל.

כ'האָב אויסגעטון פון האַרץ דעם לבוש פון צאָרן און פון ווילדן האַס
און כ'שטעל זיך מיט מיין אויסגעשטרעקטער האַנט ביי דיין שוועל, ווי
יעדער אָרימאַן;
דו זעסט אויף מיין געזיכט די אויסגעברענטע ווונדן פון דער שטאָט און גאַס
און אויף מיין האַנט זעסטו דאָס ווילדע גליק, וואָס איז ערגיצוו פאַראַן.

מיך טראָגט צו דיר דאָס פייערדיק געבורט פון גליק און שאַנד,
וואָס כ'האָב נישט צוגעהערט זיך צום געבאָט פון אונזער ערד,
וואָס כ'בין אַוועק און נאָכגעגאַנגען עמיצנס אַ כשופדיקע האַנט,
און חלומען געלאָזט מיין אויג פון אַלץ, וואָס איז מיר דאָ געווען פאַרווערט.

פאַרוואָס האָב איך פון אַלץ, וואָס איז געווען ארום מיין הויז, מיין שטאָט,
געקליבן נאָר די לייד, דאָס וווּנדערליכע ליכט פון אונזער טאָג?
און בין ווי דער, וואָס לעכצט נאָך שויס פון זיין פאַרלאָזטן גאָט,
ער זאָל אים רייניקן דאָס האַרץ פון אַלע ווייטוקן און קלאָג.

אַצינד בין איך ווי דו. מיין האַרץ — אַ רויק-שווימענדיקער וואַסער-פלאַך,
ווו די טיפן זיינע שפּילן מיטן ווייכן שיין פון אויבן;
ס'געשעט: אַ בלאָע, שרעקעוודיקע, בלינדע פרוי גייט פאַרביי — די נאַכט
און אירע אויגן פאַלן אויף מיין האַרץ ווי פאַרווונדעטע און מידע טויבן.

היילונג אין שניי.

דער טאָג היילט מיך מיט ווייסקייט פון זיין שניי,
און די אויגן היילט ער מיר אין מילדקייט פון זיין ליכט.
ווען כ׳וואָלט געקאָנט אַרויסנעמען דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג
וואָלט איך געזען: אַ וווּנדערליכע היילונג ליגט אין שניי —
ווי אין גאָט.

אַ וווּנדערליכע היילונג שפּרייט זיך אויס אין ווייסן לאַנד,
די הענט, מיין ליב, זיי גאַרן אויסצובאָדן זיך אין אים;
ווי גאַרט אונזער האַרץ נאָך גרויסער, רויטער בראַנד
אויסצוגיין אין זיסער מילדיקייט און אין ים פון זון—
ווי אין האַרץ פון גאָט.

ווי אָרימע, וואָס זענען נאַקעט-הויל און פרייען זיך מיט גאָט,
פרייט זיך מיין אָרים האַרץ, וואָס ציטערט, וויינט אין שרעק;
תמיד איז אויף דר׳ערד אַלץ געווען מיר אַ פאַרבאָט,
כ׳האָב גאָרנישט נישט געהאַט, נאָר מיינע נאַקעטע און הוילע טעג—
טעג פון צער און שפּאָט.

ס׳גייט צו מיר אַצינד די היילונג פון שניי, דער רייץ פון מיין חלום,
וואָס לאַכט איבער מיין שטערן ווי אַ פרידליכע און שטילע זון;
קום, און פיר מיך צו דער פּראָסטער גליקזעליקייט און שלום
און הייל מיין האַרץ אין ליכטיקן, אין גילדענעם געשפּין—
פון זון, שניי און גאָט.

ס׳ברויט אין פיין.

נישט פאַר אָרימע איז ס׳מלכות אויף דער ערד—
האָט איך געלערנט אַ מאַן פון יידישלעך געביין,
און ווער ס׳איז נאָר מיט גנאָד געוועזן באַשערט,
דער האָט מיט אים געטיילט דאָס ברויט, געטונקט אין וויין.

ס׳איז טריבזועליק דער מלך אין זיין גלאַנץ
און צירט דאָס לייב אין וויך געוואַנט, אין זייד;
ביי סעודות ווערט געלויבט די פרומיקייט דעם לאַנדס,
די פורכט פאַר גאָט און גנאָד פאַר אָרימעלייט.

דער אָדלער הויבט זיך אויף אין שווינגענדיקער הויך
און רייסט אַראָפּ די טויב, וואָס קריכט אויף דר׳ערד;
און ס׳טיילט מיט אים זיין רויב דאָס פייער און דער רויך
און אַלץ, וואָס איז מיט גאָטס גנאָד באַשערט.

נאָר איך, וואָס האָב קיין מלכות נישט, איך זאָג:
ס׳וועט קומען אין אַ וווּנדערליכער זון צו גיין
אַמאָל אַ לויטער און אַ הייליקדיקער טאָג,
ווען אַלע וועלן עסן זייער ברויט, איינגעטונקט אין פיין.

ווייסע קאָרידאָרן

איך וועל אין דיינע ווייסע קאָרידאָרן קיינמאָל נישט דערלאַנגען,
און אויף דיין אָוונטיקן, שוואַרצן ברויט פאַרשפּעטיקן, פאַרזוימען;
ווי שטיל אין האַרבסטיק הימל ליגט אַצינד צעהאָנגען,
אין מײַנע אויגן וויגט זיך אומרו פון פינצטערליכע דעמבן-קרוינען.

ס׳שלאָפן קאָרידאָרן, ווי פעלדער ליידיקע אין דיין נישטאָ-זײַן,
ס׳גייט אָוונט אויף אין שכנס טרויערפולע מאַנדאָלינען;
אונטן וואַרטן מיידלעך מיט שוואַרצע קעפּ פאַרריסן און צעבלאָזן,
ביז פון דיינע אויגן וועט דאָס שטילשווייגן מײַנע איבערשפּינען.

ס׳ציטטיקט דיר דער צער די שוואַרצאַפּלען ווי טונקלע טרויבן,
ווי טרויבן רייפע און מיט אָוונט-טוי, באַהויכטע אין דיר.
ס׳בלייבן שפּעטער שטיל די ווייסע קאָרידאָרן און פון טיפן גלויבן
שפּרייטן זיך פאַר מיין פּנים פעלדער עניקע מיט לויכטנדיקע וווּנדער.

דו קיניגסט איבער מיין פראָסטן טיש

פון אַלע ווייטוקן האָב איך דיך אויסגעקליבן
און דיך געזאַלבט צום האר פון מיינע טעג;
נאָר ברויט און מעסטל זאַלץ איז מיר פארבליבן
פון רייכן מיינעם קיניגרייכס פארמעג.

און אַלע די, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דיר טורעמס,
פון וואָרצלען ערדס, מיט שפּיצן אָנגעגליט ביז גלוט,
האָסטו זייער פלאַם פארצערט מיט דיינע אָרעמס
און אויסגעשפּאָט די בענקשאַפט פון זייער בלוט.

נאָר פון מיר, דעם איינציקן,
האָסטו דיין אויג נישט אָפּגעווענדט,
אַז כ'האָב געהויבן צו דיר מיינע הענט,
ווען ביסט געקומען קיניגן איבער מיר.

דו האָסט געזאָגט:
אַזוי האָב איך באוויליקט פונ'ם ערשטן טאָג,
צו קיניגן איבער דיר און איבער דיין פראָסטן טיש.
און איבער דיין אָרים ברויט מיט מעסטל קאַרגן זאַלץ.

תפלה פון אַ מענטש אין הויז.

גאָט,
וועק מער נישט אויף מײַן שאָטנדיקן טאָג
מיט טרער פון אומרחמנותדיקער פּײַן און קלאָג.
וועק קיינמאָל מער נישט אויף מײַן צער,
וואָס גיסט זיך אין מיר אויס,
שטראָמענווײַז און ימיק-גרויס —
און לאָזט מיך דאָ אַליין, אַליין מיט דיר
און מיט דײַן נישט-דערגייענדיקן וואָרט
אַרומגיין אין מײַן הויז.

זע,
מײַן ברוסט האָב איך אַוועקגעגעבן יעדן פאַרטריבענעם, פאַרשפּאָטן מאַן,
וואָס האָט מיר אויף זײַן הוילער האַנט געוויזן ס׳קיניגליכע ליכט פון פּײַן,
ווער קאָן דען נאָך אַזעלכע גרויסע פלאַקערס פון מענטשליכן געוויין,
וואָס דו צינדסט אָן מיר יעדן טאָג, אויף יעדן שפּאַן.

אַצינד,
איך זע, ס׳וועט יענער טאָג שוין מער נישט זײַן, שוין מער נישט זײַן,
ווי קאָן איך זוכן דיך, מײַן גאָט, ווי כ׳זוך דעם ווײַבס דערבאַרמדיקע שויס;
פאַרזינק מײַן טאָג. פאַרצער דאָס אויפקומען פון מײַן געביין,
זאָל קיינער נישט דערזען, ווי ס׳שטאַרבט דער איינציקער פון גאָט אין הויז.

און דו,
דאָס ליכט פון אויפגייענדיקן קוואַל,
דאָס העלע, בליצנדיק געזיכט,
וואָס קרוינט דעם חלום פון מײַן אויפקומענדיקער וועלט,
ווער וועט אַהערפירן דיך צו מײַן טיר,
דיר ווײַזן ווי עס טריפט די ליכטיקייט פון מיר,

די ליכטיקייט,
מיט בלוט
פון מיר.

דו,
וואָס האָסט באַהאַלטן קוואַלן מיט נישט אויסגעשטראָמטער ליכטיקייט,
דו לאָזט מיר נאָר זייער פייער אומקרייזן אַרום מיין זעל,
ווי ס׳קרייזן כשופדיקע, ווייסע בערג אַרום מיינע מידע, ווייטוקליכע אויגן,
וואָס ווערן פון זייער ליכט פאַרצערט, פון זייער טיפער העל —

איך ווער פאַרצערט, מיין גאָט, איך ווער וואַנזיניק פון גרויסן ליכט,
וואָס וואַרפסט אויף מיר מיט שטראָמען הייסע, זידנדיק דורך וויטן רוים,
ווער זעט ווי איך די וועלט, ווער זעט ווי איך דיין אָנגעזיכט,
דאָס אייביקע, פאַרהוילנדיק דעם סוד פון אונזער ערד און טרוים.

מיך יאָגט דער וואַנזין מיט טויזנטער אומרויק-ווילדע פערד —
דאָס ליכט, וואָס פאַכעט-אום יעטוועדערע געשטאַלט און געגנשטאַנד,
אַט לויפן זיי שוין איבער מיין פון שרעק איינגעקנוילטן לייב,
שוין ליג איך אונטער זיי, און כ׳הער ווי שטום ס׳ווײנט אונטער מיר די ערד...

גיב מיר דיין האַנט,
אין איטליכן פאַרנאַכט איך פאַל, ווען כ׳בלייב אַליין,
אליין און שווער גייט-אויף אין מיר אַנ׳אויסגעאיידלט-ווייסער שיין,
וואָס רינט אַדורך מיין לייב, ווי די תּפֿלה אין מיין שרעק.

קילער, אומדערבאַרמדיקער רוים גייט-נאָך מיינע אַלע טעג,
וואָס הילן זיך אין הימעלדיקן ליכט פון מיינע רייד,
איך זע דיך איצטער שוין, איך זע דיך אינם וווּנדערליכן ליכט פון זיין אַליין,
און ס׳פּליסט אויפסניי אַראָפּ פון מיר מיין וואָרט—דיין שיין—
דאָס וואָרט
צום איינציקן,
מיין גאָט.

און ס׳קאָן דאָך זיין אַזוי —

און ס׳קאָן דאָך זיין אזוי: די אַלע שטילע, מילדע רייד,
וואָס כ׳רייד אַרויס צו דיר אין אומבאַגרייפליכן, אין ווייסן טרויער
זענען גאָר ווי שאַרפן פון דער שווערד אין שייד,
וואָס קרישלען זיך אַראָפּ ווי שטויב פון דיין מויער.

מיט צענדליק פּאָר הענט האָסטו פאַרשטעלט דיין אויער,
מיט צענדליק אָרעמס איינגעהילט דיין ברוסט;
און ס׳קאָן דאָך זיין: מיין וואָרט דיין בלוט צעפלאַמט, צעשפּיזט
און ווילסט נישט הערן מיין יאָמערליכן טרויער —

און ס׳קאָן דאָך זיין: אַז דער, וואָס הויבט זיך אויף אַ בלאָער
און קרייזט אַרום אין וועלטס טיף־בלאָלעכן אומענד —
קאָן זיין ער זעט, ווי דו פאַרבראַכסט די הענט,
די הענט, וואָס ווייגען אויף דיין אייביקליכן דויער.

פאַרהוילענע.

מיר וואַרטן אין די שטובן אויף דיר פאַרהוילענע,
פאַרהוילענע זענען אונדזערע רייד צו דיר;
ביי טישן ווייס און קלאָר־געגרייטענע
וואַרטן מיר זאָלסט עפענען די טיר.

און אז דו עפנסט — ליגן מיר נאָך דאָ פאַרהוילענע,
און ווייסן: ביסט אין שטוב מיט אונדז פאַראַן;
דערזען מיר נאָר בלויז אַ האַנט, אַ בלענדיקע,
אַ האַנט אַ ווייסע פון אַנ׳אָרימאַן.

וועגד-אָפּ פון אונדז די לייד.

וועגד-אָפּ פון אונדז די לייד
און קער צו אונדז די פרייד,
די פרייד פון אונדזער טאָג.

זאָג-אָן: איינציק איז די לייד,
וואָס גיסט אונדז נאָך דער פרייד,
צו גיין אין פיין און קלאָג.

פאַר יעדן זינלאָזן שטרייט
שלאָג אונדז מיט זיג פון פרייד,
ווי שלאָגסט שווער אונדזער טאָג.

זאָג-אָן: פאַר אַלע לייד
איז אָנגעגרייט די פרייד
פון איינציקדיקן טאָג.

נעכט פון אונדזער שרעק.

זענען אָפּגעגאַנגען שיפן בלאָע, בלאָע שיפן צו דעם ווייסן ברעג,
ווייסע לייוונטס וויגן תּפלות, אויסגעבעטענע אין נעכט פון אונדזער שרעק;
בלאָע שיפן שוימען צו אַ ווייסן, זילבער־שוימענדיקן ברעג —
ווער וועט פעלזן מיידן, אויסמיידן זייער וועג?

אָוונטיקע הימלען שפּריצן גאָלד, פעלדער בלאָע שוימען איבער מאַסט,
שיפן ציִען הענט, הענט אין אונדזערע נעכט צו אַ ווייסן ברעג;
— גאָט, דערבאַרעם זיך, נעם פון אונז די לאַסט,
גיס פון אונדזער בלוט אַרויס די שטומע שרעק!

זענען אָפּגעגאַנגען שיפן בלאָע, בלאָע שיפן צו דעם ווייסן ברעג,
זילבערשפּיצן שאַרפן ס'ליכט פון ווייסן, פרעמדן שטראַנד;
ווען וועלן אונדזערע שיפן, גאָט, אָנקומען אין לאַנד
און אויסהילן די לייוונטס, אָנגעזאָפּט אין נעכט מיט אונדזער שרעק?

מיינע הענט זוכן גאָט.

פאַרפּייניקט ליג איך איבער מיין אייגן בלוט פון דער ברוסט
און זוך די שטילקייט פון אַ חלומדיקער שיף אין דעמערונג אויפן ים;
פאַר וועמען זאָל איך בויען אַ היים, אָ, מיין גאָט, אויף דיין ערד,
אַז אַלץ ווערט פון מיין אומרו פאַרצערט, פאַרברענט און פאַרפלאַמט.

דיין גאָס הענגט איבער מיין פּנים ווי אין אָוונט אַ געשפּאָלטענע זון
און וואַרימט מיין שטערן—קושט מיין פרייד, ווי אַ גוססדיק קינד;
פאַר וועמען זאָל איך זאָגן, אַז נאָר גאָט רוט אַליין אין מיין ברוסט,
אַז נאָר ער קושט ביינאַכט יעדן וויי, וואָס בליט-אויף, יעדע ווונד.

מיינע הענט זוכן גאָט אין וואָרט פון מענטש אויף דער גאַס,
מיין האַרץ ווי אַ שיף קרייזט אין דעמערונג אויף אָפענעם ים;
פאַר וועמען זאָל איך בויען אַ היים, אָ, מיין גאָט, אויף דיין ערד,
אַז אַלץ ווערט פון מיין אומרו פאַרצערט, פאַרברענט און פאַרפלאַמט.

אַפּעבּסטער אין דער שטאָט.

אַ מענטש הינטערן פענסטער.

אַ מענטש הינטער אַ פענסטער שטייט בייננאַכט און קלאָגט אויף זיין טאָג,
זיינע הענט האַלטן-אויף דעם גאַנג פון די שטערן אין בוזים פון גאָט;
אַ מענטש האָט גענומען אַ חלף, געשניטן זיין שלייף און זיין קאָפּ,
געלאָפן צו זען ווי אַ פענסטער פלאַמט רויט בייננאַכט אין דער שטאָט.

וואָס קען מען דערזען ביי אַ פענסטער, באַלויכטן מיט ראָזן ראַלעט
אויב נישט אַ קאָפּ, וואָס שאָטנט זיך שוואַרץ ווי אַ זון אין אַ כמאַריקן טאָג —
דער מענטש וויל נישט גיין, ביז וואַנען געפירט מיט די הענט צו אַ בעט
ער וועט נישט פאַרגראָבן זיין קאָפּ אין ווילדן געיאָמער פון קלאָג.

וואָס שטייט און וואָס שרייט בייננאַכט אַ מענטש הינטער פענסטער אין קעלט.
וואָס האַלט ער דעם גאַנג פון די שטערן, וואָס רייסט ער ס׳געוואַלד פון דער שטאָט
אים וועט דאָך קיינער נישט פירן, קיינער נישט ווייזן זיין וועלט,
די טרייסט, וואָס זוכט אים אַרום, ווי ער זוכט דעם בוזים פון גאָט!

אָל אין אַנ׳אָוונט.

איך האָב געהערט די בלאָליכע לײדיקײט פון שטוב פאַרגײן אין גרויליקע געוואַלדן,
אײנדרויסן האָבן פינסטערע טראַמװײען די נאַכט איר קאָפּ געשניטן;
מיך האָבן דעמאָלט שווערע הענט דעם האַלדז געוואָרגן און געריסן
און נישט געוווּסט, ווו ס׳קאָן אַנ׳אָרט פון קינדער-שרעק מיך שיצן און פאַרהיטן.

די מאַמע האָט אַרײנגעקלאָגט אין הענט, אין אײדעלע, פאַרהאָרעוועטע הענט
און נאָר איר קאָפּ האָט זיך געוואָרפן אויף דער וואַנט אין שאָטנדיקע קנוילן;
אין שטוב איז שווער אַרומגעגאַנגען אַ פײנליכער, אַ וויסטער אָנזאָג פון אַ גורל,
וואָס טראָגט אין שטוב אַרײן די אָרימקײט, בוזימס לײדיקע פון שרעק און גרוילן.

ס׳האָט קײנער נישט געוווּסט, פאַרוואָס עס איז אַזוי אין שטוב געוואָרן,
איך בין געלעגן אין אַ ווינקל, געהערט די לײדיקײט פון שטוב שווער אָטעמען און כליפּן;
און אַז ס׳איז שטיל געוואָרן און פון דעם שאָטנדיקן קאָפּ אויף בײדע ווענט
האָב איך בלויז געזען ווי ס׳ציטערן דער מאַמעס דינע און פאַרביסן-ווײסע ליפּן.

כ׳בין נאָכגעלאָפן גאַנצע טעג...

כ׳בין נאָכגעלאָפען גאַנצע טעג קונצן-מאַכערס און וואָגלענדיקע הויפזינגער,
קופערנע גראָשנס האָבן מיינע הענט געזוכט אין פינסטערע רינשטאָקן;
אין די אָוונטן נאָכגעלאָפן ליידיקע וואַגאָנען פון טראַמווייען,
ביז כ׳בין געבליבן ליגן ערגיץ אויף אַ גאַס, ווי אַ הונט אין פראָסטיקע פאַרטאָגן.

אין פאַפירן-בייטעלעך האָב איך געזוכט העלפן-ביינערדיקע טורעמס
און ראָזעווע, צעבראָכענע לבנה׳עס געזען שווימען איבער שוואַרצע דעכער;
נאָר טיילמאָל האָט אַ פרעמדע, פאָטערליכע האַנט געשלעפט מיך אין די אָרימס,
געוואָרפן מיך אין שויס פון אַ חלום, ווי אין אַ שוואַרצן, ברויזנדיקן וויכער.

אַזוי בין איך נאָכגעלאָפן גאַנצע טעג קונצן-מאַכערס און וואָגלענדיקע הויף-זינגער,
גראָשנס קופערנע געזוכט אין שוואַרצע, פינסטערע רינשטאָקן;
אין יענע אָוונטן, אָ גאָט, ווי האָסטו שוין געוואָרפן אויף מיין פנים
אַ וועלט, וואָס האָט מיט שוואַרצע גרוילן מיך געפייניקט און געשראָקן!

ווינקלען.

כ׳האָב ליב געהאַט קילע ווינקלען פון הייף און פון קאַמערן,
דאָ בין איך געלעגן פאַרשפּאָט פון מיין שטוב, פון דער גאַס;
איך האָב געזען ווי ס׳האָט געריסן זיך אַ שטום־פאַרוויינט יאָמערן
פון מיין טאַטן, וואָס האָט געוואָלט זיך אומברענגען פון כעס.

כ׳האָב ליב געהאַט צו ליגן וויינענדיק אין ווינקלען פון אַ טרעפּ,
באַהאַלטן זיך פאַר לייט, פאַר יעדן וואָרט און זייער גרימאַס;
דאָ האָבן מיך געקלעמט שאָטנדיקע, שוואַרצע קעפּ
געיאָמערט אומרו אין מיין בלוט האָבן שוואַרצע, סאַמעטענע מייז.

כ׳האָב ליב געהאַט דאָס ווילד געוויין פון מיין קינדערישן שלאָף,
ווען מיינע הענט האָבן איינגעקלאַמערט פלאַכע בריסטן פון די ווענט;
איך האָב געזען שוין דעמאָלט דעם סוד פון אַ טאָג, אַ נאַכט,
ווען כ׳וועל די נעגל מיר צעבייסן, טרינקען ס׳בלוט פון מיינע הענט.

טײלמאַל איז דער מענטש אַזוי —

...און טײלמאַל איז דער מענטש אַזוי:
ער גײט און גײט, און גײט און װײס נישט װוּהין,
זײַן אױג ער הױבט צום הימל װײט ארױף,
זײַן ברעם פאַרציט אַ שטילער, זאַנפטער שלאָף,
און גײט פאַרבײַ אַ פרײַנט — אַ שטומען גרוס,
און ס׳פאַלט צוריק זײַן בליק צו זײַנע פיס,
די ליפּן ציטערן און צאַרניק װי בײַ פערד
אינמיטן העלן טאָג אויף פרישן גראָז אין פעלד,
װען װײט ארום איז אַלץ מיט צוימעניש פאַרשטעלט—
עס גײט אַרום אַזוי, דער מענטש, דאָ און דאָרט,
זוכט-אָפּ פאַר זיך אַ לײדיק, שטיל, פאַרבאָרגן אָרט
דעם קאָפּ אַנידערלײגן כאָטש אויף האַלבער שעה,
אַז מאָרגן איז דער מענטש סײ-װי-סײ נישטאָ, —

טײלמאַל איז דער מענטש אַזוי:
ער גײט און גײט, און גײט און װײס נישט װוּהין,
ער גײט פון שטוב אַרויס פאַרטאָג, נאָך פאַר באַגין,
דרײט זיך דאָ אַרום, דער מענטש, ביז האַלבער נאַכט,
און אַז די אויגן פאַלן-צו, דער מענטש, ער טראַכט:
—און װאָס איז שױן דער טאָג, די נאַכט און װאָס דער װינט
און װאָס איז שױן די זון, דער אָװנט-רױט, װאָס שװינדט,
אַז פרעמד איז דיר די װעלט, דאָס װײַב, דער שמײכל פון אַ קינד?

און ליב האָסטו צו גײן פאַרנאַכט אין אָרימען קװאַרטאַל:
א האַרמאָניק, אַ פּיקעלע, אַ הײזעריקער גראַמאָפאָן,
װי גוט, אַז אין דער שענק קאָנסט שלאָפן אָנגעטון,
אין רויך ארום דו גיסט אויף הארץ דאָס זעקסטע ביר,
הערסט יעדע רגע װי עס עפנט זיך די טיר
און ס׳קומט אַרײַן נאָך אײנער, גראַד אַזוי װי דו,
װאָס זוכט אין שטאָט אַ בעט און גאַרט אַזוי נאָך רו...

און טײַלמאָל איז דער מענטש אַזױ:
ער װײס נישט װי אַזױ עס זעגט אים פּלוצלינג סהאַרץ
אַ רײַסנדיקער ספּאַזם פון אַ שװאַרצן הונט —סגעװײן.
און סװײַגען גראָד אַזױ לבנה׳עס אויף אַ סטויג,
װען הימלען הענגען אָנגעשװאָלן מיט אומרו און מיט טרויער.
און ס׳זאָגט אַזױ דער מענטש צו זיך:
—און װאָס בין איך, און װאָס איז שוין מײַן גאַנץ געבײַן,
און װאָס איז שוין דאָס יאָמערן פון װעלטן אין מײַן ברוסט,
שוין בעסער, אז כװעל בלײַבן דאָ אַלײן, אַלײן
און לעשן אין מײַן הארץ יעדן װילן און לוסט.

און גײט אַזױ דער מענטש, ער װײס נישט װי אַרום,
זײַן קאָפּ בלײַבט ליגן אויף אַ פײַכטער טרעפּ
און אײַנגערײַסט פון בײדע הענט,
ער זעט:
איבער זײַנע אויגן פירט אַ בלוטנדיקע האַנט,
צעריסן ליגט זײַן ברוסט אין גורל פון זײַן װעלט,
פאַרצװײפלונג נאָך זײַן גאָט און פײַערדיקע שאַנד
יאָמערן אויף אים שװאַרצע פרויען־קעפּ.

אַ שמייכל.

דער שמייכל פון אַ פרויען-ליפּ האָט מיך געפּייניקט גאַנצע טעג,
ווי ס'פּייניקט אונדז אַ וויסטער חלום, וואָס מען קאָן זיך נישט דערמאָנען;
וואָס קומט שוין אים אַרויס, דעם מענטש, וואָס שרייט אין מיר פון שרעק,
כ'זאָל לויפן אין די שטעט, עמיצן דאָרט זוכן אויף באַלקאָנען? —

וואָס שרייט אין נעכט צו מיר אין זיין אומפאַרשטענדליך לשון,
אַז וויסטע, הונגעריקע הינט יאָמערן ביי היימען און ביי טירן?
צי האָט שוין ס'וואָרט אַמאָל דעם מענטשנס פּיין איינגעשטילט, געלאָשן,
צי האָט שוין עמיצער געלאָזט פון הענט אומגעזעענע זיך פירן?

וואָס פּייניקט מיך אַזוי דער פאָרהאַנג הינטער אָפענע באַלקאָנען,
וואָס וויל דאָס אומפאַרשטענדליכע געוויין פון ווערטער און פון טעג? —
צי וועט דער מענטש צו הילף רופן גאָט און זיך עמיצן דערמאָנען,
צי וועט ער נישט אויפסניי, דער מענטש, אַרומגיין מיט זיין שרעק?

פֿאַר אַ הויז.

נישט איינמאָל כ׳בלייב שטיין פֿאַר דיין הויז, ווי דו גייסט אַריין און פֿאַרשווינדסט,
איך הער ווי אַ טיר האָסט געעפֿנט, דערנאָך זי פֿאַמעלעך פֿאַרמאַכט:
פֿאַרוואָס בין איך שטענדיק די טרער, וואָס ציטערט אויף באַקן פֿון קינד,
פֿאַרוואָס בין איך שטענדיק דיין טריט, דאָס שוואַרצע געפֿליסטער פֿון נאַכט?

כ׳וועל עפֿענען איינמאָל דיין שטוב און דערזען ווי געגרייט
שטייען טישן מיט הימלען פֿון גאָלד, מיט וויגנדיק ליכט אין זייער שויס;
וועסט לויפֿן מיך זוכן אין שטעט, זוכן דעם מענטש מיט זיין פֿרייד,
נאָר מיך וועט דיין אויג נישט דערזען אינ׳ם שאָטן פֿון פֿענסטער און הויז.

כ׳וועל זען ווי אַ ווייך געפֿליסטער יאָגט איבער די הענט און דיין קאָפּ,
ווי ס׳קושט דיינע אויגן אַ ליפּ, ווי מען טראָגט אויף די אָרעמס דיין קינד;
כ׳וועל לויפֿן אין שטעט מיט געשריי, נישט וויסן צו זוכן די רו
און יאָמערן כ׳וועל אין אַ ליק מיט עלנטע, שטאָטישע הינט.

האלב צוויי אין לײדיקן קאפײ.

האלב צוויי —
מיטוק־שעה אין לײדיקן קאפײ.
אויף טישל—צײַטונגען, האלבע פאפיראָסן.
אויף ווייסן מירמל־דרײַצן מאָל צו זיבן,
א האלבער פרויען־קאָפּ,
שווארצע קאווע, וואָס ס׳האָט עמיצער פארגאָסן.

און אז ס׳קומט אזוי קיינער נישט צו גיין
גורעסטו זיך אין די, פאלטאָ טיפער, טיפער איין.

האלב־צוויי.
פאר שויפענסטער שפילט דינער, פאלנדיקער שניי,
עס גיט א בלענד א פערד, וואָס לויפט פארביי,
צוויי —
זענען זיי אין שליטל מיטגוועג,
איינגעהילט אין ווייסער, ווינטערדיקער שרעק,
שנירלען זיי זיך ברעמען מיט א ברעם,
ס׳האָט זיי קיינער נישט דורך שויפענסטער דערזען!

האלב־צוויי.
קומט אריין א גאסט. קוקט זיך פויל ארום.
שטייט א וויַל. גייט ארויס. קומט אויפסניי אריין.
וואַרימט זיך און געניצט אין א הייס גלעזל טיי —
קלינגט דער זייגער:
צוויי.

סקרישלט זיך אין רויך מיין לעצטער, גלעזערנער פאלײ,
קלאַפּט אין שויפענסטער דער ערשטער, פאלנדיקער שניי —
און אז סקומט שוין קיינער נישט, מיין גאָט, אהער צו גיין
גורע איך זיך אין מיין פאלטאָ טיפער, טיפער איין.

ריקער.

נידריקער ס׳גייט שוין קיינער נישט. ס׳פירן דיך אַראָפ אין פייכטער פינסטערניש די שטיגן,
ר וועג פירט דיך דורך פייכטע קעלער-טרעפ און שלאַנגיק לאַבירינט –
יאָגט אויף דיין געזיכט מיט ווייסן שימל אין געדעמפטער וואָרימקייט אַ ווינט,
ס וואָרט דאָ אונטן טיף דיין רוישיק בלוט צו שטילן און באַזיגן.

ווי מיט יעדן איינציקן און הונדערט, הונדערט-טויזנטער אין שטאָט
שעט מיט דיר: בלייבסט שטיין באַנאַכט הינטער אַ לאַמטער;
אָט עמיץ דיר שלעכץ געטון, נאָר ווייסט נישט ווו און ווען און ווער,
לסט נאָר אַריין אין ליידיק הויז, געוויינט אויף דיל פאַר פרעמדן גאָט.

נידריקער ס׳גייט שוין קיינער נישט. אַ לעמפל—בלאָ, און זי—אַ גאָלדיק בלאַט,
עפנט דיר אַ טיר, אַ פינסטערלעכע שטוב, דיינע טריט ווערן אָפגעשניטן מיטן גיין – –
אז דו גייסט אַרויס – דו גייסט און וויינסט. אַ טרער, אַ כליפ, אין שטאָט אַליין,
הינטער דיינע פלייצעס יאָגט דיך נאָך דער ריח פון פודער און פאָמאַד.

אַ טאָג.

אָ, פאַרוואָס בין איך היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ ווייטוק שווער און הייס,
אַרומגעלאָפן אין דער שטאָט, דערנאָך אויף איטליכן וואָקזאַל?
און יעדערן, וואָס האָט באַגעגנט מיך, האָב איך אַריינגעשמייכלט ביטערליך מיט גאַל:
— היינט פאָר איך אָפּ אין נעאַפּאָל דעם זוניקן, איהר ווייסט?

אָ, פאַרוואָס האָט היינט אין מיר ווילד און אומבאַגרייפלעך עפּיס שווער געדרויט,
אַז ס'וועט מיט מיר ערגיץ אויף אַ גאַס וואונדערליכס געשען;
יעצט ווייס איך שוין: גאָרנישט איז געשען, כ'בין נאָר ווילד-שווייגנדיק אַ גאַנצן טאָג געוו
געטרויערט נאָר, פאַרוואָס עס לעשן זיך די אונטערגענג פון זון, וואָס ברענען אַזוי רויט

מיין שכנס ווייב.

מיין שכנס ווייב איז אַנ׳עקרה,
ליגט גאנצע טעג אין בעט און ווארימט זיך איר גוף;
באַנאַכט נאָך צוועלפטער שעה אויף קאַלט און איינזאַמען געלעגער
זי הערט ווי דרויסן וויינט דעם הונטס אַנ׳עלנטיקער רוף...

מיין שכנס ווייב איז אַנ׳עקרה —
שטריקט גאַנצע טעג טיכעלעך און טישטעכלעך זיך אויס,
גייט אַרום מיין שכן טרויעריק און שלעפעריק אין הויז,
אַז ס׳איז זיין ווייב באַשערט זיין אַנ׳עקרה.

און ווי אויף שפע׳דיקע פעלדער ערד פון פרישן, ווייכן מיסט
צערט-אויס די רייפיקייט מיין שכנ׳ס ווייב די בריסט,
הער איך דורך וואַנט נאָר דראָבנע טריט אַליין,
ברעכט שפעטער אויס ווער אין אַנ׳אָפגעהאַקט, פאַרצוקט געוויין.

אַ הויף.

ראַכיטיש-קראַנקע קינדער לאָזן דראַכן פון קאָלירט פּאַפּיר.
גאָלדענע זומער-פייגעלעך שפּינען פּאַסען הימעל אויפן דאַך;
מיט אויסגעדריוועלטן און פייכטן באַנוול פאַלט אַראָפּ דאָ דער פאַרנאַכט
און בלייבט ליגן ווי אַ הונט, וואָס וואַיעט מיר אַריין אין טיר.

אין שטובן-ווינקלען ליגן טראָן-פלעשעלעך פון אַלערליי קאָליר
און דורך זייער גלאָז זוכן קינדער שטערן אויפן הימעל מיטנטאָג — —
אויף ראַנד פון בעטן ליגט דעם מענטשנס נאַקעטע און הוילע קלאָג,
דער פּיין פון אַ פויסט און ס׳כאָרכלען פון אַ ברוסט, וואָס גיט זיך נישט קיין ריר.

באַנאַכט פלאַצט דאָ די רויקייט ווי אַנ׳אויפגעגאַנגענע געשוויר,
ראַכיטיש-קראַנקע קינדער חלומען פון הימלען און זומער-פייגעלעך אויפן דאַך,
ס׳געשעט: מענטשן שניידן מיט זייערע פּיס דעם שוואַרצן גליוועך פון דער נאַכט
און רייסן זיך צו אַהאַלדז, צום טויט, וואָס קושט זיי הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר.

פאַראַן אַזעלכע טעג.

פאַראַן אַזעלכע טעג ווילסט זיצן נאָר ביים שויב
און קוקן אויף דער גאַס אַראָפּ מיט מאַטן אויגן;
נאָכקוקן אַ פֿור, אַ טויב און נאָך אַ טויב
אַ הונט, וואָס לויפֿט אין גאַס און יאָגט זיך נאָך אַ צויג.

פאַראַן אַזעלכע טעג ביים פענסטער שטייסט,
דער קאָפּ אין עלנבויגן און גיסט זיך ניט קיין ריר;
עס וויינט אין האַרץ דיין פרייד, עס גלעט אַזוי די טרייסט,
הערסט ביי דעם שכן שלאָגן: דריי-פירטל-פיר...

פאַראַן אַזעלכע טעג דורך רינען רעגן רינט,
ביים פענסטער שטייסט אַזוי, דיין קאָפּ געשטרעקט אין ווייט;
און וויינען ווייסטו ניט, נאָר דיין געזיכט אַצינד
פאַרנעמט פון הויף ווי ס'שפילט ווער דאָרטן אויף אַ פלייט — —

פאַראַן אַזעלכע טעג, ווען דו ביסט גאָט אַליין,
דו ברענסט דיין גוף אין שטוב אויף רויטליכן אַלטאַר;
דו ביסט ווי ער פאַרשטומט און אייביק מיט געוויין
און אייביק אויף דיין ברוסט רוט ליכטיקייט פון צער.

אין שלאָף.

כ'האָב אָנגעטון אין שלאָף א העמד פון ווייסן, שוואַכן לײַנען
און ווי אַ נאַכטוואַנדלער אַרומגעגאַנגען אין מיין שלאָפנדיקער שטוב;
האָט אײַנגערוימט מיר ווער: ווי גוט איז דיר, שלאָפנדיקער, יעצט צו ווײַנען
און טרינקען רו פון ליפּן, וואָס האָבן קיינמאָל דיך נישט ליב!

און כ'האָב געגאַרט אַרומצוגיין אין שוואַכן, ווייסן לײַנען,
ביז וונדער וועלן אויפבינדן פון צימער מיינע שלאָפנדיקע ווענט;
און כ'האָב געהערט ווי ס'האָט מיר ווער געזאָגט: דו טאָרסט אצינד נישט ווײַנען,
ביז וואַנען כ'וועל נישט האָבן ביידע דיינע אָפּגעהאַקטע הענט!!

און ס'האָבן מיינע הענט אַליין אויסגעשטרעקט זיך צו דעם טויט,
צו אַ ווייסער שאַרף פון אַ האַנט, וואָס האָט זי איבער מיר דערהויבן;
איך האָב אין רו באַוויגן מיט די ליפּן, צו זיך געזאָגט: כ'בין גרייט,
כ'בין גרייט צו זען אויפן דיל מיינע בלוטנדיקע טויבן — —

און ס'האָט אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני מיין לײַב און אומרופלן שווייגן,
אַזוי געלעגן אויפן דיל, ווי אַן אויסגעהאַקטער, קאַלטער שטיין פון מערמל;
דערנאָך—אַ ווייסער שיין האָט אויפגעבונדן דאָס געוויין אין שלאָף פון מיינע אויגן,
און כ'האָב געזען: צוויי ווייסע הענט צאַפּלען פריש און אָפּגעהאַקטע,
ווייסע ערמל.

די אויגן פון מיין שוועסטער.

די אויגן פון מיין שוועסטער זענען היינט אָנגעשוואָלן געווען מיט טרויער,
ווען כ׳האָב געקוקט אין זיי, געזען דעם אייביקדיקן ווײ פון אונדזער טאָג.
אין שטוב האָט איטליכער געטראָגן אין זיין ברוסט ווײמוטפולן קלאָג,
ווען די אויגן פון מיין שוועסטער זענען אָנגעשוואָלן געווען מיט טרויער.

אינדרויסן האָט אַ הונט די שרעק געריסן פון אַ מויער,
און נאָר די זון האָט אים געוואַרימט מיט איר שטיפמוטערישן פייער;
און קיינער האָט זיי נישט געזען, די אויגן פון מיין שוועסטער,
ווי זיי הענגען אָנגעשוואָלענע מיט שווערן, מעוברת׳דיקן טרויער.

שנײ אין אָוונט.

א.

װי דײנע אָנגעשאַרפּטע שפּיזן רוּען אויף מײן מויל דײנע שוואַכע ברעמען,
װעסט קײנמאָל מער נישט אָפּטון מיר קײן װײטיק און קײן לײד;
דו װאַרטסט סזאָל קומען װער און זאָגן זאָלסטו װעמען:
—פּאַרוואָס, װי ייִנגען שנײ אין אָוונט, קוש איך, פּרוי, דײן קלײד?

קײן אײנציקער װעט הײנט מײן שטוב נישט איבערטרעטן,
די אָנגעשאַרפּטע שפּיזן װעל איך אויסגליען אין אָוונטס בלאָען שײן;
און קײנער װעט נישט זען, װי כ׳װעל צו דיר אויסציִען די הענט און בעטן
און פון די אויגן װעט, װי שנײ אין אָוונט, טריפן אײנגעהאַלטן װײך געװײן.

ב.

בלאָ אינם אָוונט הענגט שנײ,
װי בלאָע זײדנס און פרענדז;
װי בלאָע גאַרטלען דער שײן,
װאָס פאַלט איבער אונדזערע הענט.

מיר זיצן אין צימער, װו בלאָ
פאַרבט אָוונט דעם דיל און די װענט;
װי בלאָע פרענדז איז דער שײן,
װאָס פאַלט איבער אונדזערע הענט.

הײנט איז די װעלט אַזוי בלאָ,
װי אָדערליך דײנע אויף הענט —
בלאָ אינם אָוונט הענגט שנײ,
װי בלאָע זײדנס און פרענדז.

אַ פרעמדער און אַ גאַסט.

קומען שפּעט אין שטוב אַריין אַ פרעמדער און אַ גאַסט,
לאָזן מיד און שלעפעריק זיך אַראָפּ אויף שטול;
גייען הין און צוריק אַ שעה און צוויי און דריי
אויף בלאָליכן דיוואַן, אויף ברוינעם דיל.

זיצן שפּעט, ביז שפּעטער נאַכט אַ פרעמדער און אַ גאַסט,
אויפן טיש דער לאָמפּ אויף האַלב אַראָפּגעדרייט;
שלאָפן-איין, געניצן, אַ שעה און צוויי און דריי
הערן-צו ווי דרויסן נאָר דער רעגן גייט און גייט — — —

נאָך אַ באַל.

אַ ליידיק פלעשל פון פינקלנדיקן אָ דע-קאָלאָן,
גרינע גלעזלעך. בלאָליכע. אַ האַלב סערוועטל.
דער מאָרגן העננגט מיט טריבע ווייסלען אויפן בעטל,
אויפן דיל פלעקן פון לבנה'עס—רויטע עפל־שאָלן.

אין ווינקעלעך: פון ביר דריי פעסלעך לערע,
איבער טיש הענגט פון לאָמפּ אראָפּ דער אַבאַזשור;
און נעבן פענסטער אויף אַ ווייס'ר גיפּס־פיגור
די זון, זי בינדט איר האַלדז מיט ווייסע קרעלן, שווערע.

הינטער וועגט האָבן זייגערס אָנגעהויבן שלאָגן: זיבן.
סוואַלגערן זיך אויפן דיל צוויי אָפּענע מאַנזשעטן,
און פון די שלאָפנדיקע וואַכט ווער, מענער־הענט, זיי גלעטן
אַ ווייכן האַלדז פון אַ פרוי, וואָס איז נאָך דאָ פאַרבליבן.

אָוונט אויפן דאָרף.

פארנעפּלט ליגט נאָך ס׳פעלד, ארומגעהילט מיט זונס לעצטע קושן,
נאָך פייערדיק, נאָך רויטליך שפּראָצט דאָס גראָז אויף פעלדס געזיכט;
דערנעבן שטייט א גאָרטן און ער פלאַמט. פולע קעפּלעך מאָן אויף פיסלעך דינע
וויגן זיך אהין און צוריק, ווי קינדער מיט די אויגן צוגעמאכט פון צופיל ליכט.

פון אָוונט-רויט ביז מאָרגן-רויט גייט קיינער נישט אַרום אינדרויסן,
איך ליג נאָך הייסן טאָג, נאָך מידן וועג אויף אָפּגעשניטן, בינטל היי;
און שלאָפנדיקערהייט איך זע: אין ווינקל שטאַל האָבן פערד געפּאָרט זיך שטילערהייט,
פון ערגעצוואו אַפענסטער הערסט אַ לאַך, שפּעטער—שטילער, איינגעהאַלטענער געשריי.

באַגינען פאַלט אַריין דורך שפּארן, ווי ווייסער, פאַלנדיקער, פרישער שניי.
מען גלעט דיך איבער ברעם, אויף אַקסל רוט אַ ווייסע, מיידלדיקע האַנט;
ביסט לאַנג געשטאַנען נאָך,—א קינד האָט דיר דערלאַנגט אַ בלום נאָך פייכט פון טוי,
און ביסט אוועקגעגאַנגען שטומערהייט, איילנדיק צו שטאָט און איר שאַנד.

צו אַ פרוי הינטערן פענסטער.

דוקא אַזוי, וואָס כ׳בין אַנדערש ווי דו,
וואָס ביסט אַזוי ברוינליך געצייטיקט אין לייד,
דוקא אַזוי, וואָס כ׳בין קיינמאָל נישט רו
און כ׳טראָג אַ צעשפּאָלטענעם הימל אין אויג —
דוקא אזוי האָב איך ליב דיינע הענט,
דאָס מוראדיק בלאָע אָדער־געזאַנג,
וואָס ציט זיך פּאסגווייז ווייט און געקרויזט
פון דיין פארהאָנגענעם פענסטער אין שטאָט,
ביז צום געשפּאָלטענעם הימל אין אויג,
ביז צו מיין פרעמדן, פאַרלאָזענעם הויז.

פאַרוואָס, אַז איך קום פאר דיין פענסטער פאַרביי,
וו ספּינסטערט די נאכט אויף אַ ברעט, אויף אַ טאָפּ,
וו עמיץ פארפלאנצט האָט אַ שטעקל מיט גרינס—
בלייב איך דאָרט הענגען פארקלעמט און פאַרווײנט
און כ׳הער ווי דו פליסטערסט מיר ווייך אינ׳ם אויער:
— איז ווידער געשטאָרבן אַ חבר, אַ פריינט,
אזא און אַזאנער, גיי טרייסטן אין טרויער,
דאָס ווייב, וואָס מאַכט גאַנץ דאָס העמד און די שטרימפּ,
די ווייסליכע וועש, די וועש פון איר מאַן,
וואָס האָט איר געגעבן פרייד און אויך זינד,
וואָס איז אין ערגיצוו נישט פאַראַן.

ווער ווייס, אַז אין מיין ווילדער צעכוואַליעטער ברוסט
פינסטערט אַ שיף אויפן אָפענעם ים
און זוכט דאָרט א ברעג און קאָן נישט דערזען,
סזאָל ערד זיך באַווייזן, א האַנט און אַ ליכט --
נאָר אויבן עס גייט, אויפן דעק, שווער אַרום
איינער אַ מענטש מיט געשוואָלענע הענט, —

זיין מויל אַגעשניטענס אין האַלדז אים אַריין
כאָרכלט אין ברוסט מיר דאָס ליד פון פאַרגיין,
אַ ליד פון אַ שיף, וואָס ווייס נישט דעם וועג,
דעם וועג צוקומען צוריק אין אַהיים!

דערפאַר לויף איך ווילד אַרום אין דיין הויז,
ווו זון ליגט אויף האַלדז ווי אַ בלענדיקע קרוין,
און שווארצע, געשניטענע אויגן אין קאָפּ
וויגן ווילד מיין צעשפּאָלטענע ברוסט,
וויגן און טאנצן אַרום אויף מיין האַרץ —
ווי פלעדערמייז קליינע, בלינד אין דער זון,
וועקן אין האַרץ מיר מעסערס פון לוסט,
מעסערס פון פיין וואָס רייסן מיין הויט,
און איך האָב זיי ליב—זייער שפּיציקער פלי,
זייער פאַל, וואָס צינדט אָן די הויט פון מיין לייב
און רופט אין מיר ס'בלוט צום געזאַנג פונ'ם טויט,
ס'געזאַנג צו אַ פרוי הינטער פענסטער מיט רויט.

און טאַקי דערפאַר, וואָס דער טויט איז אין מיר,
אַ שטילער, פאַרבענקטער, ער וואַכט אין מיין הויז,
קאָן איך נישט זיין ווו אַריין, ווו אַרויס,
קאָן איך אינערגיץ נישט טרינקען די רו
און בלייב אין די נעכט נאָר שטיין ביי דיין שוועל,
ווען כ'זע דיינע אויגן, געשפּאָלטענע רוען
אין ווילדער, צעבראָכענער שויס פון מיין זעל.
און כ'גיי נאָר דיר נאָך ווי אַ פאַרלוירענער שיף,
ווי מען גייט אינ'ם חלום נאָך עמיצנס רוף,
וואָס פירט און פירט, מען ווייסט נישט וווהין,
ביז מען בלייבט ליגן פאַרבלוטיקטע, מיד,
מיט אונדזערע קעפּ אויף ברוסט פון אַ וואַנט,
אויף אייגענעם, וואַרימען פלייש פון דער האַנט.

מיט׳ן פנים צו דער זון.

מיין פריינט ב. פ.
פון טיפער ליבשאפט.

צו משה לייב האַלפּערן,
דעם קיניגלִיכן פּאָעט.

משה-לייב, משה-לייב, קיניגליכער פּאָעט,
מיר איז אזוי אומעטיק ווי דיר!

און כאָטש כ'האָב נישט קיין פרוי זיצן אין דער שטוב,
ס'זאָלן כינעזערלעך שפּאַצירן גיין אויף איר שטערן-באַנד,
פונדעסטוועגן —
האָב איך ערגיצוווּ אַ פרוי היינטער אַ רויט-אָנגעצונדן פענסטער,
פאַרהאָנגען ווי אַ רויטע בעלמע איבער אַנאויסגערינען אויג
און שטייענדיק אונטן אויף דער גאַס,
ווי דו ביים ים, משה-לייב, משה-לייב,
אַרומגעהילט מיט וואונדער פון א וועלט,
קוש איך די ראָזע נעגעלעך פון איר האַנט,
ווי סקושט מיין ברודער, דער לונאַטיקער, דעם זוים פון דער לבנה
יעדע נאַכט,
ווען זי הענגט אויף שפּיצן דאַך אַראָפּ
אין בלאַסקייט פון א קאָפּ פון א פרוי, וואָס האָט חודשליכע בלוטונג.

משה-לייב, משה-לייב, קיניגליכער פּאָעט,
מיר איז אזוי אומעטיק ווי דיר!

איך האָב דיר באַלד געגלייבט, אַז דו האָסט געזען דעם טויט אין שפּיגל,
וואָרום, ווי אזוי האָב איך נישט געקענט גלייבן, דיר, משה-לייבן?
און נישט ווי זיי בין איך געווען,
וואָס האָבן דיר געזאָגט: גראַנד-פּאָעט (ליגנדיק אויף ווייכע סאָפע,
מיט מיידלעך, וואָס וויגן זיך אין זייער שויס).
בין איך דעמאָלט געלאָפן אין דער שטאָט מיט געוואַלד:
משה-לייב, משה לייב, ראַטעווע מיך!
כ'האָב אזוי מורא פאַרן טויט!

דו מיינסט, משה־לייב, אויב כ׳בין נישט אַזאַ קיניגליכער פּאָעט ווי דו
קאָן איך נישט ארומנעמען די וועלט, ווי מען נעמט אַרום אַ בלומען־טאָפּ?
אָדער גאָר אַ פּרויען־קאָפּ, וואָס שטייט ערגיצוווּ אויף אַ באַלקאָן
און דערנאָך — ארומגיין ווי אַ שטאָט־נאַר, אָדער גאָר אַליין,
יאָמערן צום הימל, ווען אַלע שכנים שלאָפן,
הענגען אויפן פענסטער, ווי אַ צלם,
ווען כ׳אנטלויף פון טויט, וואָס האָט זיך דוקא איינגעשפּאַרט,
און וויל שלאָפן מיט מיר אין איין בעט?

אָ, משה־לייב, משה־לייב,
וויזו מיר די חכמה, ווי אַזוי דו ביסט אַנטרינען פונ׳ם טויט
און האָסט געזען אַ וועלט ארויסגיין אַנ׳אויסגעבאָדענע פון ים,
ווי די פרייד גייט ארויס אַנ׳אויסגעטובלטע פון דער מענטשליכער טרער,
אָדער גאָר —
ווי ס׳גייען פון מיין חלום ארויס
נאַקעטע מיידלעך שפּאַצירן ביינאַכט אויף מיין ברוסט
און געבן מיר צו קושן זייערע שלאַנקע פיס,
וואָס שמעקן ווי גרינע וואַסער־שטיינדעלעך אין זאַמד
און ווי אַלטער, וואַרימער מעך אין אַ פינסטערליכן וואַלד,
ווו כ׳בין קיינמאָל נישט געווען,
ווייל,
כ׳האָב מורא צו גיין אליין.

און, אפשר, משה־לייב, זאָל איך זיך אריינזעצן
אין אַ זילבערנער גאָנדאָל פון אַ פרויען־ברעם,
אָדער אין אַ פינגערהוט פון אַ רויטער ליפּן־זוים
און לאָזן פירן זיך אין קיניגרייך, ווי דו גייסט ארום,
העקלסט שטערן אויפן האַלדז פון דיין שמייכלענדיקן גאָט
און צופוסנס דיר —
ליגן ווייבער נאַקעטע, וואָס וויינען צו דיר:

משה-לייב, משה-לייב, נעם אונדז מיט!
ווארף אונדז נישט אין ים אריין!

אָ, משה-לייב, ווען דו וואָלסט געוווסט,
ווי מיין פעטער, אָט-אָ דער, וואָס האַנדלט מיט ציצן-קליידלעך,
האָט געוויינט, ליינענדיק דיין זרחי,
וואָלסטו געשיקט אַ בריוו צו אים מיט טרייסט-רייד,
מיט'ן אָפּדרוק פון דיין איידעלן פינגער,
איינגעוויקלט אין סאמעטענעם שטערן-באַנד פון דיין ווייב.

נאָר איך ווייס דאָך, אַז דו וועסט עס נישט טון
און אפילו נישט זאָגן אים: פעטער,
איר — זענט — אַ — פּאַר — לוי — רע — נער!

אָט אַזוי משה-לייב,
ווייס איך נישט וואָס צו טון מיט זיך — —
און ווי איינער, וואָס אים חלומט זיך באַנאַכט,
אַז ער גייט ארום אַ נאַקעטער אָן אונטערוועש
צווישן זיינע באַנטע —
אַזוי לויף איך מיט שרעק ארום
און ווייס נישט, וואָס כ'זאָל טון מיט מיין לעבן!
אָ, משה-לייב, משה-לייב, קיניגלעכער פּאָעט,
— ראַטעווע מיך,
מיר
אין
אַזוי
אומעטיק
ווי דיר!

באַדלער אין דער שטאָט.

ווי שטאָלענע הענגל־בריקן הויבן איבער מיר זיך אויף די טעג,
איך בין אין שטאָט, וואָס ווערט צו מיר אַ פרעמדער, ווייטער האפן;
עס גייען שיפן אָפּ מיט פלאטערנדיקע, ווייסע מאסטן—שרעק,
אויף הויפן יאָמערן קונ צנמאַכערס מיט זייערע הונגעריקע אָפן.

אַנ'אַלטע שענק אין אָרימסטן קוואַרטאַל— אַ ביר־האַלע פאַר די מאטראָסן;
און זיסער טיי ווערט ווייך־גלעטנדיקער, פעטער אייל;
ס'שווימען פאַר מיינע אויגן אויף, אויסגיזקריצט אויף אַ מאַרמאָרדיקער זייל
די פייערדיקע רייד פון באָדלער—ס'ליד פון די געפאנגענע אַלבאטראָסן.

ס'ווערט אָוונט. און וואונדערלעך עס איז די איינזאמקייט אַרום,
איך זע דאָז ליכט, וואָס ווערט אין לייד געשאפן;
מיך טראָגן ווייסע מאסטן שרעק צו אַ וואונדערליכן טורם,
פון אויבן כ'קוק אַראָפּ און זע: ס'רוט די שטאָט—אַ פרעמדער, שלאָפנדיקער האפן.

* *
*

ווי קאַלט איז ס'ליכט פון די שטערן, וואָס רינט באַנאַכט אויף מיין קאָפּ,
ווי רייסן די נעגל דאָס פּנים פון הימל אין ווילדקייט פון וווט;
פאַרוואָס זאָל איך דאַרפן נאָר טראָגן די לאַסט פון דעם מענטש און זיין טאָג?
פאַרוואָס זאָל איך דאַרפן פון אָדערן טרינקען דאָס וואַרימע בלוט?

ווי אימה'דיק וואַרפסטו מיך שטום אין דער עלנטער שויס פון מיין זינד,
ווי וואַרפסטו מיין האַרץ אין געשלעג צווישן שפּיציקע פעלזן און שטיין;
פאַרוואָס זאָל איך וואַרפן דעם שפּאָט אין אייביקן גאַנג פון דער זון,
פאַרוואָס זאָל איך הינטער דעם ליכט פון די שטערן זיין אייביק אַליין?

ליד פון טומטום, דעם נאַר.

כ׳וועל זינגען פאַר אייך דאָס פּשוטע ליד פון אים,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געזען קיין נאַקעט ווייב,
פון אים, וואָס זיינע אויגן זענען סאַמעט-ווייכער צער,
די הענט און באַקן ווייך, ווי נישט צעקנעטן טייג,
און שלאַבעריק הענגט אים זיין קיילעכדיקע ברוסט
דינטער זיין בּיליק העמד אַראָפּ,
ווי די קנעפּ אויף זיין אָפּגעטראָגענעם און אַלטן ראָק.

און אז כ׳וועל זינגען אַצינד פון אים,
ליגט ער מסתּם אויסגעבעט אויף ווייכן שטרוי,
די הענט און פיס—צעצויגן. זייער פאַרב—ווייבליך-בלאָ,
און מיט די נעגל זוכט ער אויפצועפענען דעם סוד,
פאַרוואָס זיינע וואַרצלען זענען אַזוי ווייך,
דער בויך מיידעלדיק, רונדיק און לבנהיק בלייך,
זיין בויך, וואָס טראָגט כּשוף פאַרשאָלטענעם אין זיך.

לאָמיך זאָגן אייך, וואָס איר זענט געקומען אויסהערן
דאָס פּשוטע ליד פון אים, דעם טומטום און דעם נאַר,
אַז יעדן אויפדערנאַכט גייט ער אַרויס אין שטאָט אין זיין ראָק,
מיט זיין קראַגן, וואָס איז שטייף און ווייס ווי זיין פּיין
און אַז ער גייט, וויגט זיך זיין לייב אין אָוונטיקן שיין,
די היפטן שפּילן מיטן טאַנץ פון אויסגעלאָשן בלוט,
פון בלוט, וואָס טראָגט אין זיך די קללה פון פאַרגיין.

וואָרום, ווער קאָן זאָגן, אַז ס׳איז אויף אונדזער ערד
פאַראַן אַ ווייטוק גרעסערער ווי דער,
וואָס ער, דער טומטום-נאַר, קלימפּערט אין דער טאַש מיט געלט,
זוכט אָפּ זיך אויף אַ פינסטערליכער גאַס אַ פרוי
און גייט מיט איר דורך פינסטערליכע טרעפּ צום גליק.

און אַז זי זעט זיין פּנים אינם שיין פון לאָמפּ און ליכט,
הויבט זי די הענט צו דעם, וואָס גיט כּרוכפערונג צו יעדן וואָרם,
צו דעם, וואָס פלאַנצט פרייד ערדישע אינם בויך פון ווייב—
און אים, וואָס שטייט געבויגן איבער זיין געבראָכן גליק—
שילט זי זיין דור, זיין טאַטע-מאַמעס הינטיש בלוט.

און גיט דאָס קלימפּערדיקע זילבער אים צוריק.

אָדער עס געשעט אַזוי:
עס ח׳ומט זיך אַ חלום, אַ גילדענער, דעם טומטום-נאַר,
ליגנדיק אין קעמערל אויפן ווייכן שטרוי;
אים חלומט זיך: אַ טייך. אַ בוים, אַ פרוי.
אַ קאָפּ מיט האָר. אַ קינד, וואָס זו גט און ווײנט,
שמייכלען פון אַ ליפּ. שטילע, שטילע רייד,
און ס׳גייט אין זיינע ווייכע ביינער אויף
דער חלום פון מענליכער פאַהעפטונג און איר פרייד.

און ער בעט אַזוי צו זיין חלום:
חלום מיינער, וואָס דו ביסט נישט וואָר און נישט טויט,
חלום גילדענער, וואָס דערפרייסט די אָרימע זייער לייב,
חלום מיינער, וואָס דו ביסט מיר ס׳טעגליך ברויט —
שווינד נישט פון מיר, פאַרבלייב!

חלום מיינער, וואָס דו ביסט נישט וואָר און נישט טויט
און גיסט מיר חלומדיק באהעפטונג מיטן ווייב,
חלום גאָלדענער, וואָס ביסט מיר ס׳טעגליך ברויט,
שווינד נישט פון מיר, פאַרבלייב!

און אַז ער חלומט אַט אַזוי און טוט תפלה צו זיין חלום, צו זיין האָר
זענען זיינע אויגן מיד, מידע אָנגעטון מיט פרייד.
די זון ברענט אין זיי און ס׳וויגן זיך אין זייער שאָטן שטערן.
און ס׳לאַכט צו אונדז אין גליקזעליקייט דער טומטום, דער נאַר
ער לאַכט — און פון די ווייכע באַקן פליסן אים די טרערן — —

און יעצט, אַז כ׳האָב פאַרענדיקט ס׳ליד פון אים,
וואָס האָט קיינמאָל נישט געזען קיין נאַקעט ווייב,
פון אים, וואָס זיינע אויגן זענען סאַמעט-ווייכער צער,
די הענט און באַקן ווייך, ווי נישט-צעקנעטן טייג
און שלאַבעריק הענגט אים די ברוסט הינטער זיין ביליק העמד
ווי די קנעפּ אויף זיין אַלטן און אָפּגעטראָגענעם ראָק,
טאָ זאָלן אַלע די, וואָס טראָגן אין זיך פרייד פון בלוט,
אַלע די, וואָס טראָגן ברכה אין זייער דור,
אָפּגעבן לויב און תפלה-טון צום איינציקן, דעם האָר,
ר׳זאָל אויפפינגדן די ווייכע גלידער אים, דעם טומטום און דעם נאַר!

באלאדע פון א זונה און צוויי הינטלעך.

אין טונקעלן סאלאָן פון דער קליינער, שווארצער זונה פון טשעכאָסלאָוואקיי,
ווו הינטלעך ווייסע ליגן אויפן טעפיך, דרעמלען שלעפעריק געטריי —
איז היינט די טונקלקייט געדעמפט, ווי די ווילדע כריסטוס-זעאונג פאר איר אויג,
זי האָט נאָך קיינמאָל נישט ארויסגעלאָזט אזא-אָ טיפן וויי,
און קיינמאָל נישט אזוי זיך וויגנדיק געקראמפט,
ווי א צויג אין פלוצימדיקן וואָי. — —

זי האָט געזען, די קליינע, שווארצע זונה פון טשעכאָסלאָוואקיי,
ווי פון דעם גלאטן, שפיגלדיקן גלאָז, ווי פון א זילבערדיקן טייך,
עס שווימט צו איר אראָפּ די כריסטוס-זעאונג, שטום און בלייך,
און ווייס אנטבלויזט בלייבט ער א שעמעוודיקער שטיין
און נאָר די עלנבויגנס צוקן שוואך אין טונקלען שיין —

און מיט א שפרונג האָט די קליינע, שווארצע זונה פון טשעכאָסלאָוואקיי
אָפּגעדעקט די שאַד פון אויסדערוויילטן, בלאסן כריסט,
געקושט דאָס ווייסע לייב פון העלפן-ביין און שניי
און ווי א וועלפין יינג, וואָס שרייט וויטיקלעך אין זנות,
האָט די קליינע זונה פון טשעכאָסלאָוואקיי געוויינט היינט אויף זיין ברוסט.

אוןביידע הינטעלעך, וואָס זענען ווייס געווען ווי מילך
און האָבן זיך געווארעמט אין די אָרימס פייערדיק, ווי מאן און פרוי,
זיי זענען אויפן טעפיך ווייך געשלאָפן, ווען אין סאלאָן האָט אָפּגעהילכט
דער שניידיקער און לאנג אויסגעיינדיקער וואָי — —

— אָ, פּאָטערלאנד, אָ, יעזו כריסט,
די אויגן דיינע זענען הונגעריק נאָך ברויט,
און ווייך און קאַלט הענגט דיר אראָפּ דיין ברוסט,
ווי שמייכלנדיק דו טרויערסט אין דיין טויט
אָ, יעזו כריסט!

איך בין די טאָכטער סטיעפּאַן וואַניטשעקס פון טשעכאָסלאָוואַקיי,
וווּ פעלדער ציען זיך מיט ברוינעם גערשט און ווייץ;
וווּ ס׳ערשטע מאָל האָב איך געזאָגט: ווי ווײ,
און בין געגאַנגען קושן אויפן וועג דיין שטומען קרייץ!

אָ, פאָטערלאַנד, אָ, כריסט, נישטאָ קיין ליבע אויף דער ערד,
נישטאָ דיין וואָרט, נישטאָ די הייליקייט פון מאַן צו ווייב,
און אַלץ, און אַלץ, וואָס נאָר געטון עס ווערט —
איז זעטיקונג פון בלוט און פלייש, איז גיריקייט נאָך לייב! —

אָ, ווער וועט מיר, דער קליינער זונה פון טשעכאָסלאָוואַקיי,
צוריקגעבן די ליבע פונם קליינעם קיריל, דעם הויקערדיקן פויער?
איך בין אַרומגעגאַנגען אין זיין האַרץ, ווי אַ לבנה גייט איבער פעלדער פול מיט שניי,
און וויקלט זיך אין בערג פון ווייסן, שמייכלענדיקן טרויער.

אָ, פאָטערלאַנד, אָ, יעזו כריסט,
פאַרוואָס איז אונדזער לעבן אַזוי גראָלעך וויסט,
פאַרוואָס די אויגן דיינע הונגערן נאָך ברויט
און שמייכלענדיק דו טרויערסט אין דיין טויט —
אָ, יעזו כריסט!

און זעט:
—עס האָט די קליינע, שוואַרצע זונה פון טשעכאָסלאָוואַקיי,
אַרומגענומען אים, דעם בלאַסן כריסט, געגלעט זיין אויסגעקרומטן לענד,
זיין קאָפּ האָט ער געלייגט אויף איר און ביידע האָבן שטיל אַזוי געוויינט,
און ביידע האָבן זיך געגלעט, געגלעט די הוילע און אַנטבלויזטע הענט.

— — — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָט קיינער נישט געזען, ווי די קליינע, שוואַרצע זונה פון טשעכאָסלאָוואַקיי
איז אין פינסטערניש אַ גאַנצע נאַכט געלעגן אויפן דיל,
און נאָר די הינטעלעך, וואָס זענען ווייס געווען ווי מילך,
זיי האָבן נעבן איר אויסגעוויינט זיך אינדערשטיל — — —

ס'טעגליך ברויט.

פון פארוואונדעטע הענט טריפט אין אונדזער טאָג אריין דאָס ווייסע ליכט,
פון פארוואונדעטע פיס הויבט-זיך-אויף אַ וואָלקנדיקער שטויב;
דו לענסט די אויגן אונדז צו אין די נעכט—מילדערהייט און אומגעריכט,
און אומגעריכט ד ו רעדסט צו אונדז מיט רייד פון שטראָף און לויב.

מיר עסן הונגעריק דאָס טעגליך ברויט, וואָס גיסט צו אונדז
און פאָטערליכע פרייד פארפלאנצסטו אונדז אין עלנט בלוט;
קיינער זעט נישט ווי ס'ווערט שימלדיק דאָס ברויט פון קינד,
קיינער זעט נישט ווי דו הויבסט-אויף אין די נעכט איבער אונדז דיין רוט.

גלידערדיק און קנעכטיש ליגט אונדזער אָרים לייב דיר אָנגעגרייט
און ווען דו זעסט דיין שטויב פאַר דיר ליגן אָט אַזוי —
דו שווערסט: זאָלן אַלע הימלען ווערן אויסגעטון פון פרייד,
און זאָל דאָס טעגליך ברויט דעם מענטש מער שוין נישט פארבאָטן זיין!

ליד פון אומבאַקאַנטן זעלנער.

אויף הויפן האַרבסטיקע שפּילן אָוונט־צייט קאַטערינקעס הייזעריקע,
פון גאַניקעס, פון קעלער־שטובן רייסן העלדזער — שטיל געדעמפטע גראַמאָפאָנען
ס׳ציען גורל־צעטעלעך פּאַפּוגייען. ים־חורימלעך מיט אויגן סאַמעט־מייזיקע
פון אָרים בענקעניש, פון מענטשלעך עלנט און פון פאַלנדיקע טראָגן.

דורך פענסטער־שויבן, מעש און גאָלדיקע, קוקן גאַליק—גרינע פּנימער
פון יידן, יידענעס, פון דינסטן גויישע, וואָס רייסן שוואַרצאַפּלען, זיי שאַרפנדיק.
שוין לויפן קינדער אָן פון טירן אָפענע, שרייענדיק: „דאָ זענען מיר!“
און בויגן קעפּ אַראָפּ, פלעכטן הענט אַרום, און שטילן כשוף וואַרטנדיק.

דאָס לעצטע ליד זינגט קאַטערינטשיק היינט אויף הויפן גאָלדיקע און האַרבסטיקע,
מיט קייטן בראָנזיק־גראָ, מעדאַלן בליציקע, אָנגעהאָנגען בײַ זיין קעלנערל--
— „אַ גראָשן גיט! אַ לייבל ראַזעווע! אויף פּאָדקאָוועס צו שטיוול פעסטיקע,
וועל איך אייך זינגען ס׳ליד אויף פייקל קלאַפּנדיק, דאָס ליד פון
אומבאַקאַנטן זעלנערל!

און שטיל זאָל זיין, און קינדער וויינען נישט, די קעפּ אַפילו נישט דערהויבנדיק,
מיך יאָגט דער אומרו דאָ, אויף הויפן האַרבסטיקע פון פוילגס נאַקעט־
קייט און אָרעמקייט —
און כ׳וויל, אַז שיידנדיק, זאָל איטלעך נפש דאָ, נאָכגיין הינטער מיר,
מיך לויבנדיק,
וויילן וויינען קאָן מען נישט, ווייל ס׳איז דער פּיין, דער ווי, דער
הונטישער נאָך ווייניק אייך!“

איינס, און צוויי, — און דריי, איינס, — און צוויי, — און דריי —
אזוי ביסטו געגאַנגען שלעפנדיק
האַרבסטן קילע, פראָסטיק ווינטערן און זומער שרפהדיק פאַרבראָנזטן,
אזוי ביסטו געגאַנגען די ערד נאָגנדיק און פּאַפּיראָסן־פליזלעך קלעפּנדיק,

פאַרבאָרגן ס'עלנט דײַנס אין װילד־פאַרװאָקסנקייט פֿון דײַנע זעלנערישע װאָנסן.

און ערד איז װייך געװען און זאַפטיק זיס, האָסטו געפרעסן אירע ברױנע װאָרצלען
װי פֿון בענקעניש דאָס לײַב פֿון פרױ, װאָס װעט אַמאָל דײַן קאָפּ אין
ליבשאַפט הילן,
און איבער דיר, — איז נאַכט געװען מיט שפּליטערס גיפטיק־װילדע שפּריצנדיק,
װאָס האָבן צו דײַן ברוסט געזוכט, דײַן ברוסט די זעלנערישע אײַנצוּשטילן.

אין שטעט פּראָװינצישע, אין פאָרשטעט הונגעריקע, אין אָרעם־עלנטע קװאַרטאַלן,
װוּ קינדער זוכן געלט אַגאַנצן טאָג ביז שפּעט אין קלעפּיקע רינשטאָקן,
בײַ שװעל פֿון שולן ליידיקע, קירכן אָפֿענע און מעטשעטן הייליק־אײַנזאַמע,
ביסטו געגאַנגען, ברודער אונדזערער. פֿאָדעם זוכן צו די זעלנערישע זאָקן —

אַ פּעקל טאַבאַק־בלעטער, ברױנע טאַבאַק־בלעטער אין די נעכט זײער
זאַפט אײַנצוזױגן,
אַ נאָדל אַ היימישע, צו פֿאַרבאָרגן זי אין פאַלדן קרומע פֿון שינעלן —
דו האָסט געבעטן זײ, דײַן רוקן בױגנדיק, װי אַ מאָל אַ פֿײלנבױגן
און געציטערט אין דײַן זעלנערישן, מענטשיש־װאָגלדיקן עלנט.

דײַן קאָפּ האָט אָנגעלענט זיך אױף שטאָלן קרוצופֿיקס, אױף זילבער־
בלעטערדיקע עװאַנגעליעס,
אױף תּפֿילין־זעקעלעך פֿון זײַד־גענײטע פֿון ייִדיש־טרױערנדיקע מאַמעס;
דו האָסט צו גריץ געבענקט, צו אַ לעפֿל גריץ און זודיק־קאָכעדיקע װאַרעמס,
געבענקט װי זעלנער־זין צו היימיש דאָרפֿישקייט פֿון זון־פֿאַרגײענדיקע לאַנעס.

מען האָט געקוקט אױף דיר אין שטעט נצחון־פֿול, בלומען װאַרפֿנדיק
פֿון די באַלקאָנען —
און נאָר צו פֿענסטערלעך, אין קעלערס דומפּיקע פֿון װיסטע אַרבעטער־קװאַרטאַלן,
האָט דײַן האַרץ געפֿלאַמט, געפֿלאַמט װי בלוטיקע אָנגעצינדענע לאַמפּיאָנען,
דײַן האַרץ, װאָס האָט דײַן װײַב געזוכט, דײַן בעט, װאָס איז דיר
ערגיצװוּ פֿאַרפֿאַלן.

יעצט טראָגט מען קרענץ צו דיר, דיין קאָפּ קרוינענדיק אין זעלנערישן נצחון,
דו האָסט אוועלט פאַרשווינט, גאָט אָפּפּערנדיק דיין וואַרים בלוט פון די מוסקולן;
נאָר ערגעצוו זיצט נאָך אַמאמע יעצט צווישן דיינע וועש נישטערנדיק,
אַסוד פון דיר, אַוואָרט, אבריוו, דער וועלט מיט שאַנד צו צאָלן.

אָ, זינגט מיט מיר דאָס ליד פון זעלנערל, פון בלוט, בענקנדיק אין עלנט,
פון זעלנער־פּיין, פון פעלדער לײדיקע, פון שוואַרצע זעלנערישע טויטן.
אויף פּייקל קלאַפּנדיק האָב איך געזונגען ס׳ליד פון אומבאַקאַנטן מענטש
און ברודער,
טאָ גיט א גראָשן מיר אויף פּאָדקאָוועס צו שטיוול פּעסטיקע און שוואַרצע ברויטן.

— — — — — — — — — —

אויף הויפן הארבסטיקע שפּילן אָוונט־צייט קאַטערינקעס הייזעריקע,
פון גאניקעס, פון קעלער־שטובן רייסן העלדזער—שטיל געדעמפּטע גראַמאָפאָנען,
ס׳ציען גורל־צעטלעך פּאַפּוגייען, ים־חזירימלעך מיט אויגן סאמעט־מייזיקע
פון אָרים בענקעניש, פון מענטשלעך עלנט און פון פּאַלנדיקע טראַנען.

צו די, וואָס טראָגן צו מיר שפּאָט.

איך ווייס: פאַרזיגלט ליגט אייער ברוסט מיט שפּאָט און האַס צו מיר,
אייער האַנט שליידערט-אָפּ דעם אָרים, וואָס צו אייך איך שטרעק;
איך ווייס: כ׳וועל בלייבן שטענדיק הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר
און קושן מיינע פינגער, ווען ס׳רינט פון זיי אין נעכט שלאָפלאָזע—די שרעק.

איך ווייס: איר האָט מיך פיינט מיט פינסטערלעכן האַס אין אייער בלוט,
אייער שמייכל איז צו מיר ווי ס׳אויסגערינענע אויג פון אַ טויטן הונט;
נאָר איך, איך ווייס נישט ווי מיין קאָפּ צו שירעמען פון אייער וווּט
און וואַרים זיך אין פליסטער פון דער שרעק, וואָס יאָמערט אינם ווינט.

מיין גאָט! פאַרוואָס דאַרף איך שליידערן דאָס קיניגליכע וואָרט
אין יעדער שויס, וואָס פלאַמט צו מיר מיט ווילדן שפּאָט און האַס;
איך ווייס, אַז סיי-ווי-סיי וועל איך בלייבן נאָר מיט דיר אַליין,
דיך זוכן אין דער שטאָט, ווי כ׳זוך מיין היים, וואָס כ׳האָב פאַרלוירן ערגיץ אויף אַ גאַס.

איך ווייס: צו אייער געלייגער קומט אין נעכט ווי צו מיר דאָס מענטשליכע געוויין,
און הענגט ווי אַ בראַנסלעט איבער אייער האַלדז, ווי אַ זוניק-ווייסער פלעק;
איך ווייס: אַז גראָד ווי איך, בייסט איר די פינגער, ווען איר בלייבט מיט גאָט אַליין,
די פינגער, ווען עס טריפט פון זיי אַראָפּ אין נעכט שלאָפלאָזע — די שרעק.

ליכט אין ערדענע טעפּלעך.

ליכט אין ערדענע טעפּלעך,
הענט פון די קינדער ביי קעפּ.
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין,
נעמען די הענט פון די קינדער,
צינדן די טונקעלע טרעפּ ?

געבויגענע שולטערס פון אָוונט
טרינקען די גלידער מיט פּיין ;
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין,
לעשן די שולטערס פון אָוונט,
דורשטיקן האַלדז נאָך דער פרייד,
פון טאָגיקן שיין ? —

קוק, ווי מיר אלע דאָ זענען —
מויערן—געצינדן אין אָוונט,
נעכט—פארבליבן אויף ראַנדן
פון שלאָפלאָזיק בעט ;
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין
צינדן די פינסטערע מויערן,
אונדזערע אויגן אָנטרינקען
מיט ליכט צו דער זעט ?

ליכט אין ערדענע טעפּלעך,
הענט פון די קינדער ביי קעפּ.
ווען וועט דער טאָג דאָ שוין אויפגיין,
צינדן די טונקעלע טרעפּ ?

צווי פּאָרטרעטן.

א. מיין מאַמע.

די מאַמע מיינע איז היינט יינג און פרײדיק ווי שרה בת־טובים,
די האָר אירע הענגען אויף איר אַקסל אין זאַפטיק־ברוינע טרויבן;
די אויגן צינדן זיך אין גרינע פייערן פון הייליקע כּוונות,
פון דעם, וואָס מענטשן־ליפּן קאָנען נישט דערציילן און נישט לויבן.

זי האלט אין איר רעכטער האַנט אַ ברויט, ווי דאָס ווייסע, פלאַטערדיקע האַרץ
פון מיר, איר זון, וואָס שטייט פאַרשעמט און גלעט דאָס וואָלן־קלייד;
און ווען מען גלעט אין חלום די וואונדערליכע ליכטיקייט פון גאָט —
האָב איך היינט דערזען אַנטפּלעקונגען, דעם סוד פון פּיין און פרייד.

איך האָב אַ גאנצן טאָג געזונגען פון מיין יינג, רייפגעוואָרן לעבן,
ווי אַ פויגל אויפן בוים, ווען די זון כּשופט אים פאַרטאָג מיט אירע פאַרבן;
און גלעטנדיק דאָס וואָלן־קלייד פון מיין מאַמען, ווי פון שרה בת־טובים
האָב איך דערזען דעם סוד פון וויסטן לעבן און פון הייליק שטאַרבן.

ב. מיין טאַטע.

דיינע אויגן טריפן נאָך מיטן זאַפט פון אַ בוים אין די לענטשיצער וועלדער,
אויף דיין שטערן שיפט זיך די בלענדיקע ווייסקייט פון אַ פרידן,
וואָס האָט די שלייפן דיר געקרוינט מיט דינע שטענגעלעך פון זילבער,
מיט עצבות, מיט שטומער גליקזעליקייט פון שוואַרץ־בערדיקע יידן.

אויף דיינע ליפּן זעגט זיך די עקשנות פון זיידן רב שאַיעלע,
וואָס האָט אוועקגעוואָרפן די יידיש־יחוסדיקע היים און געוואָרן אַ וועבער־יינג;
און ווי אים האָט מען דיך, אַ, טאַטע, געקרוינט מיטן נאָמען: עם־הארץ,
און געבעטן האָסטו גאָט ס׳זאָל כאָטש דיין זון האָבן אַנ׳אויפגעבונדענע צונג!

פאַרבאָרגענע, זומערדיקע ליכט־הימלען שפּרייטן זיך פון דיינע הענט,
ווען צולייגסט זיי איבערן פּנים, זוכנדיק באַשייד פון אַ וויטן סוד;
און ווי אַמאָל אין די פייכטע, פינסטערע געפלעכטענישן פון די לענטשיצער וועלדער,
זע איך דיך, אַ, טאַטע, ווי דו בלאָנדזשעסט מיט דיין פרעמדן און פאַרלאָזטן גאָט.

איינציקער אין מיין משפחה.

איך בין דער איינציקער אין מיין משפחה, וואָס בוי מיר נישט קיין היים,
דער איינציקער, וואָס כ׳בין אַוועקגעגאַנגען פון זייער אָרימען און פּראָסטן שטאָם;
אויף מיר רוט די קללה פון אָפּטריניקייט, פון פרעמדער, ווייטער פרייד,
די שׂרפה פון אַ וועלט, וואָס האָט מיר נישט צוגעבן מער קיין רו,
אינערגיץ נישט קיין רו און פרידן פון אַ היים.

די וווּנדער פון זייער פּראָסטן גאָט, וואָס האָט אַריינגעלאַכט אין שטוב,
זענען אין מיר אויסגעגאַנגען ווי די ליבשאַפט צו מיין היים;
מיך צווינגט דער אומרו צוריקצושליידערן דער וועלט אַלץ, וואָס מענטשן האָבן ליב,
דעם פרידן פון אַ פּריינט, אַ מילדע פרויען-האַנט, דעם גלעט פון עמיצנס אַנ׳אויג —
און אַלץ, וואָס טראָגט דעם פרידן פון אַ היים.

אַצינד קאָן קיינער מיך נישט מער פערשטיין, אָ, גאָט,
פאַרוואָס איך טראָג די קללה פון אָפּטריניקייט און שפּאָט,
פאַרוואָס איך בין אַוועקגעגאַנגען פון זייער אָרימען און פּראָסטן שטאַם
און ווי אַ בלינדער, וואָס גייט מיטן פּנים צו דער זון,
גיי איך אַהין, אַהין, וווּ ס׳איז קיין פרידן קיינמאָל נישט פאַראַן!

סדר פון די לידער

מיינע הענט זוכן גאט.

	זייט
ליד צו די לייענער	5–6
פרייד צו די עלנטע	7
אַ וואָרט	8
ביי א שוועל	9
הייליקונג אין שניי	10
ס׳ברויט אין פיין	11
ווייסע קאָרידאָרן	12
דו קיניגסט איבער מיין פראָסטן טיש.	13
תפלה פון א מענטש אין הויז.	14–15
און ס׳קאָן דאָך זיין אַזוי	16
פאַרהוילענע	17
ווענד־אָפּ פון אונדז די לייד.	18
נעכט פון אונדזער שרעק	19
מיינע הענט זוכן גאָט.	20

אַ פענסטער אין דער שטאָט.

אַ מענטש הינטערן פענסטער.	23
אַמאָל אין אַנ׳אָוונט	24
כ׳בין נאָכגעלאָפן	25
ווינקלען	26
טיילמאָל אין דער מענטש אַזוי	27-28
אַ שמייכל	29
פאַר אַ הויז	30
האלב־צוויי אין ליידיקן קאפיי	31
נידריקער	32
אַ טאָג	33
מיין שכנס ווייב	34
אַ הויף	35
פאַראַן אַזעלכע טעג	36

	זייט
אין שלאָף	37
די אויגן פון מיין שוועסטער.	38
שניי אין אָוונט.	39
א פרעמדער און א גאַסט	40
נאָך א באַל	41
אַנ'אָוונט אויפן דאָרף	42
צו א פרוי הינטערן פענסטער.	43-44

מיטן פּנים צו דער זון.

צו משה-לייב האַלפּערן, דעם קיניגליכן פּאָעט.	47—48—49
באָדלער אין דער שטאָט	50
ליד פון טומטום, דעם נאַר	51—52
באַלאַדע פון א זונה און צוויי הינטלעך	53—54
ס'טעגליך ברויט	55
ליד פון אומבאַקאַנטן זעלנער	56—57—58
צו די, וואָס טראָגן צו מיר שפּאָט	59
ליכט אין ערדענע טעפּלעך	60
צוויי פּאָרטרעטן: א. מיין מאַמע	61
ב. מיין טאַטע	„
דער איינציקער אין מיין משפחה	62

געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאדז קילינסקא 50

Druk. J. Djament, Łódź, Kilińskiego 50. Tel 188-76